STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04482

# DEM KENIGS ANKUS

Rudyard Kipling

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רידיארד קיפּלינג

דאָס בוך פון דזשאַנגל

# דעם
# קעניגס אנקוס

פון ענגליש — ל. שאפּירא

ווילנער פערלאג
פון ב. א. קלעצקין

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין,
ווילנע, קליין-סטעפן גאַס 23.

דעם קעניגס אנקוס.

די פיער זענען קיינמאָל נאָך זאַט נישט געווען,
זינט איבער דער ערד איז דער הימעל געבויגען:
די מויל פונ'ם שאַקאַל, דער גייערשער שלונג,
די מאַלפּישע הענד און די מענשליכע אויגען.

אַ דזשאַנגל-שפּריכוואָרט.



קאַא, דער גרויסער פעלז-פּיטאָן, האָט איבערגעביטען זיין הויט. דאָס איז געווען אפשר צום צוויי-הונדערטסטען מאָל, זינט ער איז געבוירען געוואָרען, און מאַוגלי, וואָס האָט קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז ער האָט צו פערדאַנקען זיין לעבען קאַא'ס הילף אין אַ געוויסער נאַכט אין די „קאַל-טע הייהלען" — וואָס איהר געדענקט אפשר אויך — איז געקומען איהם אָבגעבען מזל-טוב.

בעת'ן בייטען די הויט איז אַ שלאַנג אַלע מאָל אין אַ שלעכ-טער שטימונג, ביז די נייע הויט ווערט שען און גלאַנציג. קאַא האָט שוין מעהר פון מאַוגלי'ן נישט געשפּעט; ער האָט איהם אָנגענומען, ווי די אַנדערע דזשאָנגל-לייט האָבען געטאָן, פאַר'ן ראש פון דזשאָנגל און פלעגט איהם איבערגעבען אַלע נייעס, וואָס אַ פּיטאָן פון זיין גרייס האָט געקאָנט הערען. וואָס קאַא האָט נישט געוואוסט וועגען דעם אַזוי-גערופענעם „מיטעלסטען" דזשאָנגל — דאָס לעבען האַרט ביי דער ערד אָדער אין איהר צווישען די קיזעלשטיינער אָדער אין לעכער און גריבער, — דאָס

וואָלט מען געקאָנט אויפשרייבען אויף דער קלענסטער פון זיינע שופּען.

יענעם נאָכמיטאָג איז מאַוגלי געזעסען אין דער מיט צוויי־שען קאַא׳ס גרויסע רינגען און האָט געטאַפּט מיט די פינגער די געפלאַצטע אַלטע הויט, וואָס איז געלעגען אַ צעקנייטשטע און צע־לעבערטע צווישען די שטיינער. וואו קאַא האָט זי איבערגעלאָזען. קאַא האָט זיך זעהר העפליך צונויפגעדרעהט אונטער מאַוגלי׳ס ברייטע נאַקעטע אַקסלען, אַזוי אַז דער יונגעל איז געזעסען פּונקט ווי אין אַ לעבעדיגען פאָטערשטוהל.

— זי איז פּרעכטיג אַפילו ביי די אויגען־שופּען, — האָט מאַוגלי שטיל געזאָגט, שפּיעלענדיג זיך מיט דער אַלטער הויט. — עס מוז פאַרקומען זעהר משונה׳דיג צו זעהן די אייגענע הויט ליגען נעבען די פיס.

— קיין פיס האָב איך נישט, — האָט קאַא געענטפערט. — און אַזוי ווי ביי מיין שטאַם איז עס אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, קומט עס מיר נישט פאַר משונה׳דיג. און דו פיהלסט דען קיינמאָל נישט, אַז דיין הויט ווערט אַלט און שטייף?

— דאַן געה איך זיך באָדען, פלאַבקאַפּ; נאָר וואָס אמת איז אמת, אין די גרויסע היצען וואָלט איך אויך גערן אַראָבגע־וואָרפען מיין הויט, אַבי נאָר אָהן וועהטאָג, און אַרומגעלאָפען אַזוי.

— איך באָד זיך אויך און וואַרף נאָך אַראָב מיין הויט דערצו. ווי געפעלט דיר מיין נייער מאַנטעל?

מאַוגלי האָט אַ פיהר געטאָן מיט דער האַנד איבער די „לע־קעבער״ *) אויפ׳ן ריזיגען רוקען.

— דער שילדקרעט האָט אַ האַרטען רוקען, ער איז אָבער נישט אַזוי העל, — האָט ער געזאָגט מיט דער מינע פון אַ מבין. — מיין נאָמענברודער, דער פראָש, איז העלער, דערפאַר אָבער וויכער. אויף דיין הויט איז שען צו קוקען — זי איז ווי די געפלעקטע קרוינ־דעל פון אַ ליליע.

— זי נויטיגט זיך אין וואַסער. אַ נייע הויט האָט קיינמאָל

*) פּיערעקען, צעצויגען אַזוי, אַז צוויי ווינקלען זענען שאַרף און צוויי שטומפּיג. ביי יודען באַקט מען אָפט האָניג־לעקעכלעך אין אַזאַ פאָרם.

נישט איהר עבטען קאַליער פאַר דער ערשטער באַר, קום זי׳ן באַדען.

— איך וועל דיך טראָגען, — האָט מאוגלי געזאָגט.

און לאַכענדיג האָט ער זיך אָנגעבויגען אויפצוהויבען דעם מיטעלסטען טייל פון קאַא׳ס קערפער, פונקט אינ׳ם דיקסטען אָרט. דאָס איז אַקוראַט ווי פרובען אויפהויבען אַ צוויי-פוס-דיקע וואַסער-רעהר, — און קאַא איז זיך געלעגען שטיל און רוהיג, געקוועלען פונ׳ם קאַטאַוועס. דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען זייער געוועהנליכען אָבענד-שפיעל, דער יונגעל, שטאָלץ אויף זיין גבורה, און דער פיטאָן אין זיין הערליכער הויט האָבען זיך גענומען ראַנגלען איינער מיט׳ן צווייטען — צו פרובען זייער אויג און קראַפט. ווען קאַא זאָל זיך צעלאָזען, וואָלט ער אודאי געקענט דערקוועטשען אַ טוץ אַזעלכע מאוגלי׳ס, ער האָט אָבער געשפיעלט פאָרזיכטיג און נישט געלאָזען אין גאַנג אַפילו קיין צעהנטעל פון זיין קראַפט. ווי נאָר מאוגלי איז געוואָרען גענוג שטאַרק אויף איבערצוטראָגען אַ ביסעל רויהע בעהאַנדלונג, האָט איהם דער פיטאָן אויסגעלערנט דעם דאָזיגען שפיעל, וואָס האָט זעהר גוט געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פונ׳ם יונגעל׳ס גלידער. צייטענווייז איז מאוגלי געשטאַנען כמעט ביז׳ן האַלז אין קאַא׳ס ריהרעוודיגע רינגען און זיך בעמיהט צו בעפרייען אַ האַנד און כאַפּען איהם פאַר׳ן האַלז. קאַא פלעגט נאָכלאָזען, און מאוגלי האָט געפּרובט צו פערקלעמען מיט ביידע פיס דעם שפּיץ פון לאַנגען עק, וואָס האָט זיך געשליידערט אַהינטער און געזוכט אַ שטיין אָדער אַ שטאַם פון אַ בוים אויף זיך אָנצושפּאַרען. קאָפּ צו קאָפּ האָבען זיי זיך געוויגט אַהער און אַהין, אויסקוקענדיג ביידע אויף אַ גינסטיגער געלעגענהייט, ביז די שענע, צו אַ סטאַטוע עהנ-ליכע גרופּע האָט זיך פלוצים פערוואַנדעלט אין אַ ווירבעל פון געל-שווארצע רינגען און פון הענד און פיס, וואָס האָבען זיך גע-ראַנגעלט, געוואָרפען און זיך אויפגעהויבען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. נאַ דיר! נאַ דיר! — האָט קאַא, געבעענדיג, געבענדיג אַזעלכע פלינקע כלומר׳שטיגע קלעפּ מיט׳ן קאָפּ, אַז אַפילו מאוגלי׳ס לייכטע האַנד האָט זיי נישט געקאָנט כאַפּען. — זעה, אָט בעריהר איך דיך דאָ, קליין ברודערל! און דאָ! און דאָ! וואָס איז, די הענד האָבען דיר אַבגענומען? און נאָכאַמאָל! און ווידער-אַמאָל!

דער שפּיעל פלעגט זיך שטענדיג ענדיגען אויף איין און דעמזעלבען אופן --- מיט אַ גראַד-געשיקטען זעץ פון קאַא'ס קאָפּ, וואס פון איהם פלעגט מאוגלי זיך איבערדרעהען עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד. מאוגלי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהיטען פון אָט דעם בליץ-שנעלען קלאַפּ, און, ווי קאַא האָט געזאָגט, ס'איז גאָר איבעריג געווען צו פּרובען.

— גוט-יאַגד!—האָט קאַא צולעצט אַרויסגעברומט, און מאַוגלי איז אויך דאָס מאָל, ווי אַלעמאָל, אַוועקגעפלויגען אויף אַ האַלב טוץ יאַרד ווייטער, לאַכענדיג און קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם.

ער איז אויפגעשטאַנען מיט פולע הענד מיט גראָז און איז נאָכגעגאַנגען דעם קלוגען פּיטאָן צו זיין בעליבטען באָד-פּלאַץ—אַ טיעפער, נאַכט-שוואַרצער אָזערע, אַרומגערינגעלט מיט פעלזען און פערטריקענטע שטאַמען פון בוימער. דער יונגעל איז אַריין אין וואַסער, מעשה דזשאָנגל, אָהן דעם מינדסטען גערויש, האָט זיך אונטערגעטונקט און איז אַרויפגעשוואומען, אויך אַזוי שטיל, ביי דער צווייטער זייט פון אָזערע; דאָרט האָט ער זיך איבערגעקעהרט אויפ'ן רוקען, די הענד אונטער'ן קאָפּ, און גענומען קוקען, ווי די לבנה געהט אויף איבער די פעלזען, און ברעכען מיט די פיס-פינגער איהר אָבשיין אויפ'ן וואַסער. קאַא'ס קאָפּ, אין דער פאָרם פון אַ געשליפענעם דימאַנט, האָט דורכגעשניטען די וואַסער ווי אַ גאָלמעסער און איז צוגעשוואומען און זיך אַוועקגעלעגט אָברוהען אויף מאַוגלי'ס אַקסעל. זיי זענען געלעגען שווייגענדיג און מיט דער גרעסטער הנאָה זיך געוויקט אינ'ם קיהלען וואַסער.

ס'איז זעהר גוט,—האָט מאוגלי לסוף שלעפעריג געזאָגט.— ביים מענשענשטאַם, געדענק איך, לעגט מען זיך איצונד אַוועק אויף האַרטע שטיקער האָלץ אין זייערע לייהמענע פאַסטקעס, מ'שליסט זיך אָב פון אַלע ריינע, פרישע ווינטען, מ'שלעפּט אַרויף אויף זיך אַלערליי טראַנטעס און מ'זינגט אונגעלומפּערטע ליעדער דורך די נעזער. און דזשאָנגל איז בעסער.

קאָברע איז אין איילעניש אַראָבגעקראָכען פון אַ פעלז, האָט זיך אָנגעטרונקען, זיי געזאָגט: „גוט־יאַגד!” און איז פערשוואונדען.

— ססס־ש!—האָט קאַא געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים עפּיס דערמאָנט. —הייסט עס, האָסטו פון דזשאָנגל אַלצדינג, וואָס דו בעגעהרסט, קליין ברודערל?

— נישט אַלצדינג,—האָט מאַוגלי לאַכענדיג געענטפערט.— איך וואָלט נאָך וועלען האָבען יעדען מאָנאַט אַ נייעם שטאַרקען שיר־חאַן צו טויטען. איצט וואָלט איך איהם שוין געה'רג'עט מיט מיינע אייגענע הענד, נישט געבעטען הילף פון די בופלען. חוץ דעם וואָלט איך נאָך געוואונשען, די זון זאָל שיינען אין מיטען די רעגענס, און די רעגענס זאָלען פערשטעלען די זון אין מיטען זומער. ווען דער מאָגען איז ביי מיר געווען ליידיג, האָב איך בעגעהרט צו פּאַקען אַ ציג; האָב איך געפּאַקט אַ ציג. האָט זיך מיר געוואָלט אַ באָק; האָב איך געטויט אַ באָק. האָט זיך מיר געגלוסט אַ נילגאַאי. אָבער אַזוי פיהלען דאָך מיר אַלע.

— און קיין אַנדער פערלאַנג האָסטו נישט? — האָט די גרויסע שלאַנג געפרעגט.

— וואָס נאָך זאָל איך פערלאַנגען? איך האָב דעם דזשאָנגל און די ליעבע פון דזשאָנגל! פאַרהאַן דען נאָך עפּיס צווישען זונען־אויפגאַנג און זונען-אונטערגאַנג?

— אַבי די קאָברע האָט געזאָגט...—האָט קאַא אָנגעהויבען.

— וואָסער קאָברע? אָט די, וואָס איז נאָרוואָס אַוועק פון דאַנען, האָט גאָרנישט געזאָגט. זי איז געגאַנגען אויף יאַגד.

— דאָס איז געווען אַנ׳אַנדערע.

— האָסט דען עפּיס געשעפטען מיט'ן גיפטיגען שטאַם? איך

טרעט זיי אָב דעם וועג. זיי טראָגען דעט טויט אין זייערע פע־דערשטע ציינהן, און דאָס איז ביטער... דען זיי זענען זעהר קליין. אָבער מיט וואָס פאַר אַ קאַפּישאָן (אַ קאָברע)· האָסטו עס געֶרעדט?

קאַאַ האָט זיך שווער אַ וויג געטאָן אויפ׳ן וואַסער. ווי אַ דאַמפּער אויפ׳ן ים.

— מיט דריי אָדער פיער לבנות*) צוריק בין איך געווען אויף יאַגד אין די קאַלטע הייהלען—דעם פּלאַץ, וואָס דו האָסט אפשר נישט פערגעסען. דער נפש, וואָס נאָך איהם האָב איך זיך געיאָגט, איז אַוועק מיט אַ געשריי אויף יענע־זייט רעזערוואואַר, צום הויז, וואָס איך האָב אַמאָל דורכגעבראָכען פון דיינעטוועגען—און איז אַריין אין דער ערד.

— אָבער די לייט פון די קאַלטע היילען לעבען נישט אין גריבער,—האָט מאָוגלי בעמערקט, וויסענדיג, אַז קאַאַ רעדט וועגען אַ מאַלפּע.

— דער נפש האָט דאָרט נישט געלעבט, נאָר געזוכט צו לע־בען,—האָט קאַאַ צווײדייטיג געענטפערט און א קרייזעל געטאָן מיט דער צונג.—ער איז פערלאָפען אין אַ לאָך, וואָס האָט געפיהרט זעהר ווייט. איך בין נאָכגעגאַנגען, און אַז איך האָב איהם געטויט, האָב איך זיך געלעגט שלאָפען. אַז איך האָב ערוואַכט בין איך אַוועק ווייטער.

— אונטער דער ערד?

— אונטער דער ערד. צום סוף האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַ ווייסען קאַפּישאָן, וואָס האָט מיר דערצעהלט זאַכען, וואָס איך האָב נישט געוואוסט, און געוויזען חפצים, וואָס איך האָב קיינ־מאָל פריהער אזעלכע נישט געזעהן.

— ניי געווילד? געווען אַ גוטע יאַגד? — מאָוגלי האָט זיך פלינק אומגעווענדט צו קאַאַ׳ן.

— נישט קיין געווילד, אויף אַזאַ געווילד וואָלט איך מיר די ציינהן איבערגעבראָכען. דער ווייסער קאַפּישאָן האָט געזאָגט, אַז אַ מענש—און גערעדט האָט ער ווי איינער, וואָס קען דעם מין זעהר גוט—אַז אַ מענש וואָלט זיין לעבען אַוועקגעגעבען פאַר אַ בלויז־זען קוק אויף די דאָזיגע חפצים.

*) חדשים.

— מיר'ן שוין זעהן,—האָט מאַוּגלי געזאָגט.—איך געדענק, אַז איך בין אויך אַמאָל געווען אַ מענש.

— נישט געכאַפּט—נאָר נישט געכאַפּט. כאַפּעניש האָט אַוועקגעהרג'עט די ג ע ל ע ש ל אַ נ ג, וואָס האָט אויפגעגעסען די זון... מיר האָבען דאָרט פערפיהרט אַ שמועס אונטער דער ערד, און איך האָב דערמאָנט וועגען דיר, אַלס וועגען אַ מענשען. מאַכט אַזוי צו מיר דער ו ו י י ס ע ר ק אַ פּ י ש אָ ן (און אַלט איז ער, ממש אַזוי ווי דער דזשאָנגל): „איך האָב שוין לאַנג קיין מענשען נישט געזעהן. זאָל ער קומען אַהער, וועט ער זעהן אָט די אַלע זאַכענישען, וואָס פיעל מענשען וואָלטען געשטאָרבען פאַר די קלענסטע צווישען זיי".

— דאָס איז זיכער עפּיס אַ נייער סאָרט געווילד. און די גיפ־טיגע לייט זאָגען אונז קיינמאָל נישט אויס, ווען ס'איז פאַרהאַן גע־ווילד אונטער דער האַנד. זעהר נישט קיין פריינדליך פאָלק.

— ס'איז נ י ש ט קיין געווילד. דאָס איז—דאָס איז—ניין, איך קאָן נישט זאָגען, וואָס דאָס איז.

— מיר געהען אַהין. כ'האָב נאָך קיינמאָל קיין ו ו י י ס ע ן ק אַ פּ י ש אָ ן נישט געזעהן, און די אַנדערע זאַכען וויל איך אויך זעהן. וואָס זשע, ער האָט זיי געטויט?

— ניין, זיי זענען אַלע טויטע זאַכען. ער זאָגט, ער איז וועכ־טער איבער זיי.

— אַהאַ! ווי אַ וואָלף שטעהט איבער פלייש, וואָס ער האָט געבראַכט צו זיך אין הייהל. לאָמיר געהן.

מאַוּגלי איז צוגעשוואומען צום ברעג, האָט זיך דורכגעקייקעלט אויפ'ן גראָז, כדי זיך אָבצוטריקענען, און זיי ביידע האָבען אַוועקגע־שפּאַנט צו די ק אַ ל ט ע ה י י ה ל ע ן—צו דער פערלאָזענער שטאָדט, וואָס וועגען איהר האָט איהר שוין אפשר געהערט. מאַוּגלי האָט דאַן אַ האָר נישט מורא געהאַט פאַר די מאַלפּעס. נאָר די מאַלפּעס פאַר איהם האָבען געציטערט פון דעמאָלט אָן, איבעריגענס, האָבען זיי זיך איצט אַרומגעשלעפּט אין דזשאָנגל, און די ק אַ ל ט ע ה י י ה ל ע ן זענען געשטאַנען ליידיג און שטום אין דער שיין פון דער לבנה.

קאַא האָט איהם אַוועקגעפיהרט צו די חורבות פון דער קע־ניגינס פּאַוויליאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טעראַסע, האָט אַריבערגעפויזעט איבער'ן מיסט און זיך אַראָבגעגליטשט איבער

צעבראָכענע טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט פון דער מיט פּאַוויליאָן אַראָב אין דער ג״ד. מאַוגלי האָט געגעבען דעם שלאַנגענרוף: „מיר זענען פון איין בלוט—איהר און איך״—און איז נאָכגעקראָכען אויף אַלע פיער. לאַנג האָבען זיי געפּוזעט דורך אַ שמאָלען דורכגאַנג אַלץ אַראָב און האָבען זיך עטליכע מאָל פערקעהרעוועט אין פערשיידענע זייטען, ביז זיי זענען געקומען צו אַ פּלאַץ, וואו די וואָרצלען פון די בוימער, וואָס זענען געוואַקסען אויבען, מיט דריי־סיג פוס איבער זייערע קעפּ, האָבען אַרויסגעדרעהט און אַרויסגע־



מאַוגלי און קאַא אין די קאַלטע הייהלען.

שטויסען אַ מאַסיווען שטיין פון דער וואַנט. זיי זענען דורכגעקראָכען דורכ׳ן לאָך און האָבען זיך געפונען אין אַ גרויסען קעלער, וואָס זיין געוועלבטער באַלקען איז אויך דורכגעבראָכען געוואָרען פון וואָרצלען פון בוימער, אַזוי אַז עטליכע שוואַכע שטראַהלען פון דרויסען זענען אַריינגעדרונגען אין דער אַרומיגער פינסטערניש.

— אַ גוט בעשיצטע נאָרע,—האָט מאַוגלי געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס,—נאָר אַ ביסעל צו וויט פאַר אַ בעזוך יעדען טאָג. נו, וואָס זעהען מיר איצט?

— און איך בין גאַרנישט?—האָט אַ שטים זיך אָנגערופען פון

דער מיט קעלער, און מאַוגלי האָט דערזעהען, ווי עס רודערט זיך
עפּיס אַ ווייסע זאַך, ביז פּאַר זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַזאַ
גרויסע קאָברע, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן — אַ בע-
שעפעניש כמעט אַכט פוס לאַנג, אָבגעבלאַקירט פון'ם לעבען אין
דער פינסטער און ווייס, ווי אַלטער העלפאַנד-ביין. אַפילו די ברילען=
עהנליכע רינגעלעך אויף איהר אויסגעשפּרייטען קאַפּישאָן זענען גע-
וואָרען געלבליך=ווייס. איהרע אויגען זענען געווען רויט ווי רובינען,
און זי האָט בכלל געהאַט אַנ'אויסטערליש אויסזעהן.

— גוט-יאַגד! — האָט מאַוגלי געזאָגט. זיין העפליכקייט האָט
ער אַרומגעטראָגן מיט זיך פּונקט ווי זיין מעסער, און דאָס לעצטע
האָט איהם קיינמאָל נישט פערלאָזען.

— וואָס הערט זיך אין שטאָדט? — האָט דער ווייסער
קאַפּישאָן געפרעגט, נישט ענטפערנדיג אויף דער בעגריסונג. —
וואָס הערט זיך אין דער גרויסער, אַרומגעמויערטער שטאָדט—דער
שטאָדט פון הונדערט העלפאַנדען און צוואַנציג טויזענד פערד און
בהמות אָהן אַ צאָהל—דער שטאָדט פון'ם קעניג איבער צוואַנ=
ציג קעניגען? איך ווער דאָ טויב, און שוין לאַנג האָב איך
נישט געהערט די גאָנגען *) פון מלחמה.

— דער דזשאָנגל איז איבער אונזערע קעפּ, — האָט מאַוגלי
געזאָגט. — פון העלפאַנדען קען איך נאָר האַטהי'ן און זיינע זיהן, באַ=
גירא האָט אויסגעקוילעט אַלע פערד אין אַ געוויסען דאָרף, און —
וואָס איז אַזוינס אַ קעניג?

— איך האָב דיר געזאָגט, — האָט קאַא מילד געזאָגט, — מיט
פיער לבנות צוריק האָב איך דיר געזאָגט, אַז דיין שטאָדט אי
נישטאָ.

— די שטאָדט — די גרויסע שטאָדט פון וואַלד, מיט איהרע
טויערן, בעוואַכט פון'ם קעניגס טורעמס — קאָן נישט פערשווינדען.
מ'האָט זי אויפגעבויט, ווען מיין פאָטערס פאָטער איז אַרויס פון איי,
און זי וועט נאָך שטעהן דאָן, ווען מיין זוהנס זיהן וועלען ווערען
אַזוי ווייס ווי איך. זאַלאָמדהי, דער זוהן פון קאַנדראַ=
בידזשאַ, דעם זוהן פון וויעהיאַ, דעם זוהן פון יעגאַ-

*) אַ סאָרט מעטאַלענע פּויקען.

ז ו ר י, האָט זי אויפגעבויט אין די טעג פון ב אַ פ פ אַ ר א וו אַ ל. און וועמעס פיה זענט איהר?

— ס'אַ פערלוירענע שפור,—האָט מאַוגלי געזאָגט צו קאַאַ'ן.—איך פערשטעה נישט, וואָס ער רעדט.

— איך אויך נישט. ער איז זעהר אַלט. פ אָ ט ע ר פ ו ן ד י ק אָ ב ר ע ס, דאָ איז פאַרהאַן בלויז דער דזשאָנגל, ווי ס'איז געווען פון אָנהייב אָן.

— ווער זשע איז ד ע ר,—האָט דער ווייסער קאַפּי־שאָן געפרעגט,—וואָס זיצט דאָ אָהן פאָרכט אין מיין געגענוואַרט, וואָס ווייס נישט דעם נאָמען „קעניג" און רעדט אויף אונזער לשון דורך מענשליכע ליפּען? ווער איז אָט דער מיט'ן מעסער און מיט אַ צונג פון אַ שלאַנג?

— מיך רופט מען מאוגלי,—איז געווען דער ענטפער.—איך בין פון דזשאָנגל. די וועלף זענען מיין שטאַם, און אָט דער קאַאַ איז מיין ברודער. און ווער ביזט ד ו, פ אָ ט ע ר פ ו ן ד י ק אָ ב ר ע ס?

— איך בין דער ש ו מ ר פ ו נ'ם ק ע נ י ג ס א ו צ ר ו ת. ק ו ר ו ן־ר אַ ד ז ש אַ האָט געבויט דעם שטיין, וואָס איבער מיר, אין יענע צייטען, ווען מיין הויט איז געווען טונקעל, כדי איך זאָל טויטען יעדען, וואָס קומט אַהער גנב'ען. דערנאָך האָט מען אהער אַראָבגעלאָזען די אוצרות, און איך האָב געהערט דעם געזאַנג פון די בראַהמינען, מיינע בעפעהלער.

— הם!—האָט מאַוגלי צו זיך געזאָגט.--איך האָב שוין געהאַט צו טון מיט איין בראַהמין ביי דער מענשענשאַרע, און—איך ווייס שוין, וואָס איך ווייס. קיין רשעות וועט שוין דאָ נישט פעהלען.

— פינף מאָל, זינט איך בין שומר, האָט מען אויפגעהויבען דעם שטיין; מ'האָט אַהער געבראַכט נאָך, אָבער קיינמאָל צוריק נישט גענומען. נישטאָ אין ערגיץ אַזאַ עשירות ווי דאָ—דאָס זענען די אוצרות פון הונדערט קעניגען. אָבער שוין זעהר לאַנג, זינט מ'האָט דעם שטיין געהויבען דאָס לעצטע מאָל. און איך מיין, אַז מיין שטאָדט האָט מיך פערגעסען.

— נישטאָ קיין שטאָדט. טו אַ קוק אַרויף. אָט שטעקען וואָרצלען פון בוימער און רייסען אָב די שטיינער איינעם פון צווייטען. בוימער

און מענשען וואַקסען נישט בײַנאַנד, — האָט קאַאַ געטענ׳עט.

— צוויי־דריי מאָל האָבען מענשען געפונען דעם וועג אַהער, — האָט דער ווייסער קאַפּישאָן פערביסען געענטפערט, — נאָר זיי האָבען נישט גערעדט, ביז איך האָב זיי דערטאַפּט אין דער פינסטער. אין דאַן האָבען זיי געשריען אַ קורצע ווײַלע. נאָר איהר לייגט בײַדע, מענש און שלאַנג צוגלייך, און ווילט מיר אַיינשמועסען, אַז מיין שטאָדט איז נישטאָ, און מיין וואַך איז צו ענד. מענשען בײַטען זיך וועניג מיט דער צייט, איך אָבער בײַט זיך גאָר נישט! כל זמן מ׳הויבט נישט אויף דעם שטיין, און די בראַהמינען קומען נישט אַראָב, זינגענדיג די לידער, וואָס זענען מיר בעקאַנט, און גיבען מיר נישט קיין וואַרימע מילך און נעהמען מיך נישט אַרויף צו דער שיין, בין איך—איך—איך און נישט קיין אַנדערער—דער שומר פונ׳ם קעניגס אוצרות! די שטאָדט, זאָגט איהר, איז טויט, און אָט זענען די וואָרצלען פון בוימער? גוט, בויגט זיך אָן און נעהמט, וואָס איהר ווילט. די ערד פערמאָגט נישט אַזאַ עשירות, ווי דאָ איז פאַרהאַן. דו, מענש מיט דער שלאַנגענצונג, אויב דו׳סט בעוויזען אַ קונץ אַוועקצוגעהן פון דאַנען מיט׳ן זעלבען וועג, וואָס דו ביזט געקומען, וועלען די קלענערע קעניגען דײַנע דיענער זיין!

— ווידער אַ פערלוירענע שפור, — האָט מאַוגלי קאַלטבלוטיג געזאָגט. — איז מעגליך, אַז אַוועלכער שאַקאַל זאָל זיך דערגראָבען אַזוי טיעף און אַ ביס טון דעם גרויסען ווייסען קאַפּישאָן? ער איז זיכער משוגע. פאָטער פון די קאָבּרעס, איך זעה גאָרנישט, וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו נעהמען.

— בײַ די געטער פון דער זון און דער לבנה — דער יונגעל איז משוגע צום טויט! — האָט דער ווייסער קאַפּישאָן אַרויסגעציִשט. — איידער דײַנע אויגען פערשליסען זיך אויף אייביג, וועל איך מיט דיר טון דעם איינעם חסד. קוק און זעה דאָס, וואָס קיין מענש פאַר דיר האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען!

— אין דזשאָנגל וואָלט יעדערער, וואָס רעדט פון טון חסדים מיט מאַוגלי׳ן, נישט גוט אָבגעשניטען, — האָט דער יונגעל געזאָגט צווישען די ציינער. — נאָר די פינסטערניש בײַט אַלצדינג, איך ווייס. איך וועל אַ קוק טון, אויב דו ווילסט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פערשמעלערטע אויגען אי=
בער'ן קעלער און אויפגעהויבען פון דער ערד אַ הויפען עפּיס
אַזוינס גלאַנציגעס, וואָס מיט זיי שפּיעלט זיך דער מענשענשטאַם.
— אָהאָ!—האָט ער געזאָגט.—דאָס איז עהנליך צו די צאַצ=
קעס, נישמעהר, דאָס איז געל, און יענע זענען ברוין.

ר האָט די גאָלדשטיקער געלאָזען פאַלען און
געגאַנגען ווייטער. דער גרונט איז געווען בעדעקט
פינף—זעקס פוס דיק מיט גאָלדענע און זילבערנע
מטבעות, וואָס האָבען אַרויסגעפּלאַצט פון די
זעק, וואו זיי זענען געווען אַמאָל געפּאקט, און
אין משך פון אַ סך, אַ סך יאָהרען האָט דער
מעטאַל זיך אָבגעזעצט און צונויפגעשלאָגען,
ווי די זאַמד זעצט זיך אָב ביים ברעג נאָכ'ן אָבפלוס. אויף,
אין און צווישען די מטבעות, ווי די רעשטען פון אַ צעבראָכע=
נעם שיף שטאַרצען אַרויס פון זאַמד, האָבען זיך געוואַלגערט העל=
פאַ:ד=צעלטען פון געפּרעגטען זילבער, בעשלאָגען מיט בלעטלעך
פון געשמיעדטען גאָלד און בעפּוצט מיט גאָרפונקלען און טערקי=
סען. געווען דאָרטען פּאַלאַנקינען און טראָגבעטלעך פאַר קעניגינס,
גערעהמט אין זילבער און עמאַל, מיט נעפריטענע הענטלעך ביי די
שטאַנגען און ברושטינענע פאָרהאַנג=רינגען. געווען גאָלדענע מנורות,
בעהאָנגען מיט געלעכערטע סמאַראַגדען, וואָס האָבען זיך געוויגט
אויף די רעהרען. געווען פיגורען פון לאַנג=פערגעסענע געטער, פינף
פוס הויך, אינגאַנצען פון זילבער, און די אויגען פון איידעלשטיינער.
געווען פאַנצערהעמדער פון גאָלד אויף שטאָהל, בעזוימט מיט פער=
דאָרבענע, שוואַרץ=געוואָרענע פערלען. געווען קיווערס, בעקנעפּעלט
מיט בלוט=רויטע רובינען. געווען לאַקירטע פאַנצערשילדען פון שילד=
קרעט=ביין און נאָזהאָרן=פעל, געשטרייפט מיט רויטען גאָלד און בע=
זעצט מיט סמאַראַגדען ביי די ראַנדען. געווען גאַנצע הויפענס
שווערדען, קינזשאַלען און יאַגדמעסערס מיט הענטלעך, בעפּוצט מיט
דימאַנטען. געווען גאָלדענע כלים צו מקריב זיין קרבנות און מזבחות

פון אַזאַ פאָרם, וואָס מ'האָט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזעהן. געווען בעכערס און בראַסלעטען פון נעפריט. געווען פאַנען צו רויכערן קטורת און טעפּ פאַר בשמים און שמעקעדיגע בוימלען. אַלע פון געפרעגטען גאָלד. געווען נאָזרינגען, אָרעמבענדער, שלייערס, פינגערלעך אין שנור=גאַרטלען אָהן שעור און אָהן ערך. געווען גאַרטלען, זיבען פינגער ברייט, אינגאַנצען פון געקעסטעלע דימאַנטען און רובינען, און הילצערנע שאַכטלען, בעשלאָגען מיט אַ דרייפאַכיגער מעטאַלענער נעץ, פון וואַנען די צעפוילטע האָלץ האָט זיך אויסגעשטויבט און ענטפּלעקט אינעווייניג הויפענס פון אונגעשליפענע סאַפירען, אָפּאַלען, קאַצענאויגען, רובינען, בריליאַנטען, סמאַראַגדען און גראַנאַטען.

די ווייסע קאָברע האָט געזאָגט דעם אמת. ס'איז אונמעגליך געווען אָבצושאַצען אויף געלד דעם ווערט פון אָט די אוצרות, וואָס האָבען זיך הונדערטער יאָהרען געקליבען דורך מלחמות, רויבערייען, האַנדעל און בעשטייערונג. די מטבעות אַליין זענען געווען אַ מטמון, שוין נישט רעדענדיג פון די טייערע שטיינער, און פשוט אויף ברוך האָט די גאָלד און זילבער געוואויגען צוויי אָדער דריי הונדערט טאָנעס *). ביז הייַנטיגען טאָג נאָך פערמאָגט יעדער געבירטיגער אינדישער הערשער, אַפילו דער אָרימסטער, אַ גאַנצען אוצר, וואָס האַלט אין איין וואַקסען; און אויב עס טרעפט אַפילו אַ מאָל—איינמאָל אין אַ יובל,—אַז עמיצער פון די אויפגעקלערטערע פירשטען שיקט אַרויס אַ פערציג-פופציג פוהרען מיט זילבער, בכדי אויסצובייטען זיי אויף מלוכה=פּאַפּירען **), איז אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי האַלטען זייערע רייכטימער ביי זיך און בסוד=סודות.

מאַוגלי האָט אָבער, נאַטירליך, נישט פערשטאַנען די בעדייטונג פון אָט די אַלע זאַכען. די מעסערס האָבען איהם געווען אַ ביסעל פעראינטערעסירט, זענען זיי אָבער געווען נישט אַזוי צו דער האַנד, ווי זיינער, האָט ער זיי אַוועקגעוואָרפען. צולעצט האָט ער, אויף אַ העלפאַנד=צעלט צווישען די מטבעות, געפונען עפּיס אַזוינס, וואָס איז טאַקע געווען בעצויבערנד. דאָס איז געווען אַן אַ נ ק ו ס, צוויי פוס

*) אַ טאָנע—אַנ'ערך 60 פוד.

**) ד. ה. פון דער ענגלישער מלוכה.

לאַנג, אַ שטעקען צו טרייבען העלפאַנדען—אַ מ ן קליינער שפּב-האַקען. די קעפּיל איז בעשטאַנען פון איין קיילעכדיגען פינקעלדיגען רובין, און נידעריגער אַראָב איז די הענטיל, אויף אַ לענג פון אַכט צאָל, געווען אויסגעפלאַסטערט מיט אונגעשליפענע טערקיסען, וואָס האָבען געבילדעט אַ זעהר בעקוועמען האַלט. נאָך נידעריגער איז געגאַנגען אַ ברייטער רינג פון נעפריט מיט אַ בלומענקרענציל אַרום און אַרום—נישט מעהר, די בלעטער זענען געווען סמאַראַגדען, און די בליטען—רובינען, אַריינגעזעצט אין דעם גרינעם קיהלען שטיין. דער איבעריגער טייל פון הענטיל איז געווען פון ריינע העלפאַנד-ביין, און דער עק—שפּיץ און האַקען—פון גאָלד אויף שטאָהל, בע-צייכענט מיט בילדער פון העלפאַנד-פאַנג. אָט די צייכענונגען האָבען עס געצויגען מאַוגלי'ס אויפמערקזאַמקייט, דען ער האָט געזעהן, אַז זיי האָבען עפּיס אַ שייכות צו זיין פריינד האַטהי ן.

דער ווייסער קאַפּישאָן איז נאָכגעגאַנגען האַרט נעבען איהם.

— איז דען נישט כדאי צו שטאַרבען פאַר איין קוק דערויף?— האָט ער געפרעגט.—איז עס נישט אַ גרויסער חסד פון מיר צו ווייזען דיר אַזאַ זאַך?

— איך פערשטעה עס נישט,—האָט מאַוגלי געזאָגט.—די זאַכענישען זענען האַרט און קאַלט און צום עסען טויגען זיי כלל נישט. נאָר דאָס-אָ—ער האָט אויפגעהויבען דעם אַנקוס—וויל איך נעהמען מיט זיך, צו בעקוקען עס ביי דער שיין. דו זאָגסט, דאָ איז אַלצדינג דיינס? גיב עס מיר, וועל איך דיר ברענגען פרעש צום עסען.

דער ווייסער קאַפּישאָן האָט זיך געטרייסעלט פון בייזפרייד.

— געוויס וועל איך דיר עס געבען, ס'דען?...— האָט ער געזאָגט.—אַלץ, וואָס דאָ איז פאַרהאַן, וועל איך דיר געבען... ביז דו'סט אַוועקגעהן.

— אָבער איך געה שוין. דאָ איז פינסטער און קאַלט; און מיר ווילט זיך ווייזען וועמען אין דזשאָנגל דעם דאָזיגען שפּיציגען חפץ.

— טו אַ קוק נעבען דיין פוס! וואָס ליגט עס דאָרט?

מאַוגלי האָט אויפגעהויבען עפּיס אַ ווייסע, גלאַטע זאַך.

— דער ביין פּי: אַ מענשענס קאָפּ,—האָט ער רוהיג געזאָגט.— און אָט זענען נאָך צוויי.

— זיי זענען געקומען אַהער צו נעהמען דעם אוצר מיט פיעל יאָהרען צוריק. איך האָב זיך מיט זיי דורכגעשמועסט אין דער פינסטער, זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען.

— אָבער צו וואָס טויג מיר אָט דאָס, וואָס דו רופסט אוצר? גיסט מיר דעם אַנקום — איז גוט-יאַגד, גיסט מיר נישט — איז אויך גוט-יאַגד. איך שטרייט נישט מיט'ן גיפטיגען געשלעכט, און דער שפראַך, וואָס גילט קעגען דיין שטאַם, ווייס איך אויך.

— דאָ גילט בלויז איין שפּרוך — מיינער!

קאַא האָט זיך אַ שליידער געטאָן פאָראויס מיט גליהענדיגע אויגען.

— ווער האָט מיר געהייסען ברענגען דעם מענשען אַהער, האַ? — האָט ער אַרויסגעצישט.

— איך, — פערשטעהט זיך, — האָט די ווייסע קאָברע אונטער דער צונג געזאָגט. — איך האָב שוין לאַנג קיין מענשען נישט געזעהן, און דער רעדט נאָך דערצו אויף אונזער לשון.

— יאָ, אָבער פון הרג'ען איז גאָר קיין רייד נישט געווען. ווי קאָן איך געהן צום דזשאָנגל און זאָגען, אַז איך אַליין האָב איהם צום טויט געפיהרט?

— פון הרג'ען רעד איך קיינמאָל נישט פאַר דער צייט. און וואָס דו זאָגסט וועגען געהן — אָן איז די לאָך אין דער וואַנט! גענוג, גענוג! דו פעטער מאַלפּענפרעסער! לאָמיך נאָר וועלען דיך אָנריהרען ביים האַלז, וועט דיך דער דזשאָנגל שוין קיינמאָל אין די אויגען נישט זעהן. קיין מענש איז פון דאַנען נאָך קיינמאָל לעבעדיג נישט אַרויס. איך בין שומר איבער די אוצרות פון קעניגס שטאָדט!

— איך זאָג דאָך דיר אָבער, דו ווייסער וואָרם פון דער פינסטערניש, אַז ס'איז נישטאָ ניט קיין קעניג, ניט קיין שטאָדט! אַרום און אַרום איז נאָר דזשאָנגל און דזשאָנגל! — האָט קאַא אויסגעשריען.

— אָבער דער אוצר איז נאָך פאַרהאַן. נאָר דאָס קאָן איך דיר טאָן: וואַרט אַ ווײַלע, קאַא פון פעלז, ועסטו זעהן דעם יונגעל לויפען. פלאַץ איז דאָ פאַרהאַן גענוג. ס'איז גוט צו לעבען! לויף זיך דורך און שפּיעל זיך אַ ביסעל, יונגעל!

מאָוגלי האָט רוהיג אַוועקגעלעגט זיין האַנד אויף קאַאַ ט קאָפּ.

— אָט די ווייסע בריאָה האָט ביז איצט געהאַט צו טון מיט מענשען פון דער מענשענשאַרע. מיך קען זי נישט.—האָט ער אַרויסגעמורמעלט.—זי פערלאַנגט אַ שטרייט—זי וועט איהם האָבען.

מאַוגלי איז געשטאַנען און געהאַלטען דעם אַנקוס מיט'ן שפּיץ אַראָב. ער האָט איהם פלינק אַ שליידער געטאָן, און דער אַנקוס איז געפאַלען פּינקט הינטער דער שלאַנגס קאַפּישאָן און האָט זי צוגענעגעלט צו דער ערד. אין איין אויגענבליק איז קאַאַ'ס גאנצע שווערקייט געווען אויפ'ן קרעמפּענדיגען קערפּער פון דער קאָברע און האָט זי פּאַראַליזירט פונ'ם קאַפּישאָן ביז'ן ווײדעל. איהרע רויטע אויגען האָבען געברענט, און דער קאָפּ, אַ זעקס צאָהל די לענג, האָט זיך מיט ווילדען צאָרן געוואָרפען רעכטס און לינקס.



— טויט זי! — האָט קאַאַ געזאָגט בעת מאַוגלי'ס האַנד האָט זיך גענומען פאַרן מעסער.


— ניין, — האָט דער יינגעל געענטפערט און אַרויסגעצויגען

די קלינג פון שייד.—איך וועל מעהר קיינמאָל נישט טויטען, סיידען צום עסען. נאָר טו אַ ק ק, קאַאַ!

ער האָט אָנגעכאַפּט די קאָבּרע הינטער דעם קאַפּישאָן, האָט איהר געעפענט די מויל מיט'ן מעסער און געוויזען, אַז די שרעקליכע גיפט־צייהן אין דער אויבּערשטער יאַסלע זענען שוואַרץ און פערפוילט. די ווייסע קאָבּרע האָט איבּערגעלעבּט איהר גיפט, ווי עס טרעפט מיט שלאַנגען.

— ט ה ו א ו *).—האָט מאַוגלי געזאָגט.

ער האָט געגעבּען קאַאַ אַ צייכען אָבּצולאָזען די קאָבּרע און האָט אויפגעהויבּען דעם אַנקוס.

— דעם קעניגס אוצר נויטיגט זיך אין אַ נייעם שומר,—האָט דער יונגעל ערנסט געזאָגט.—ט ה ו א ו, האָסט נישט גוט געטאָן דיין זאַך. לויף זיך דורך און שפּיעל זיך אַ ביסעל, ט ה ו א ו!

— האָסט מיך געמאַכט צו שאַנד. טויט מיך!—האָט די ווייסע קאָבּרע געצישט.

— צופּיעל פּלוידעריי וועגען טויטען. נו, מיר געהען. איך נעהם די שפּיציגע זאַך, ט ה ו א ו, דען איך האָבּ מיט דיר געשטריטען און בּין דיר בּייגעקומען.

— זעה זשע, אַז די זאַך זאָל דיך אַליין סוף כל סוף נישט טויטען. דאָס איז ד ע ר ט ו י ט! גדענק, ס'איז ד ע ר ט י י ט! די צאַצקע וועט קלעקען אויף אויסצומאָרדען אַלע מענשען פון מיין שטאָדט. וועסט זי לאַנג נישט האַלטען, דזשאָנגל־מענש, און דער, וואָס וועט זי בּיי דיר אַוועקנעהמען—אויך נישט. צוליעבּ איהר וועט מען מאָרדען, מאָרדען און מאָרדען! מיין קראַפט איז אויסגעשעפּט, אָבּער דער אַנק'ס וועט, נישקשה, טון מיין אַרבּייט. דאָס איז דער טויט! דער טויט! דער טויט!

מאַוגלי איז אַרויסגעקראָכען דורכ'ן לאָך צוריק אין דורכגאַנג, דאָס לעצטע, וואָס ער האָט געזעהן, איז געווען, ווי די ווייסע קאָבּרע האַקט אין גרימצאָרן מיט איהרע אונשעדליכע צייהן איבּער די האַרטע גאָלדענע צורות פון די געטער, וואָס זענען געלעגען אויף דער ערד, און צישט: „טויט! ס'איז דער טויט!“

*) „פערטריקענטער בּוימשטאַם“; ד. ה.: דער גיפט האָט אויסגעטריקענט.

קאַא און דער יונגעל האָבען זיך דערפרעהט, ווען זיי האָבען ווידער דערזעהען די ליכטיגע שיין. אַז זיי זענען געקומען צוריק אין דזשאָנגל, און מאַוגלי האָט דערזעהן, ווי דער אַנקוס פינקעלט אין דעם מאָרגענליכט, איז עס איהם געפעלען כמעט אַזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט געפונען אַ בינטעל פרישע בלומען אויף אַריינצושטעקען אין זיינע האָר.

— דאָס בליצט העלער פון באַגיראַ'ס אויגען, האָט ער צו־פרידען געזאָגט, דרעהענדיג דעם רובין. — איך וועל עס איהם ווייזען. אָבער וואָס האָט די טהואו געמיינט מיט איהר בּרייען וועגען דעם טויט?

— איך ווייס נישט. עס קרענקט מיך בּיז'ן עק פון מיין עק, וואָס זי האָט נישט פערזוכט דיין מעסער. אין די קאַלטע הייהלען איז שטענדיג פאַרהאַן עפּיס אַנ'אָנשיקעניש — אויף דער ערד אָדער אונטער איהר. נאָר איצט בּין איך הונגעריג. געהסט מיט מיר אויף יאַגד?

— ניין, — האָט מאַוגלי געענטפערט. — באַגיראַ מוז זעהן אָט די זאַך. גוט־יאַגד!

און מאַוגלי האָט אַוועקגעטאַנצט, מאַכענדיג מיט'ן אַנקוס איבער זיין קאָפּ, און פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָבגעשטעלט און איהם בעוואונדערט, אַז ער איז געקומען אין יענער טייל פון דזשאָנגל, וואו באַגיראַ פלעגט צום רוב זיין, האָט ער איהם געפונען טרינקענדיג נאָך אַ שווערען עסען. מאַוגלי האָט איהם דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און באַגיראַ האָט פון צייט צו צייט אַרומגעשמעקט דעם אַנקוס. אַז מאַוגלי איז געקומען צו דער ווייסער קאָברעס לעצטע ווערטער, האָט דער פּאַנטער בּעגיטיגט מיט אַ כורקע.

— אַה! דער ווייסער קאַפּישאָן האָט, הייסט עס, גע־זאָגט דעם אמת? — האָט מאַוגלי האַסטיג געפרעגט.

— איך בּין געבּוירען אין דעם קעניגס שטייגען אין אודי־פּאָר, און מיר דאַכט, אַז איך קען די מענשען מעהר אָדער וועניגער. זעהר פיעל מענשען וואָלטען געמאָרדעט דריי מאָל אַ נאַכט שוין צוליעב אָט דעם רויטען שטיין אַליין.

— אָבער דער שטיין מאַכט עס נאָר שווערער. פאַר דער

האַנד! מײַן קלײן העל מעסערל איז בעסער. און—זעה אויף צו פלײסען: דער רויטער שטײן טויג דאָך גאָר נישט צום עסען! פאַר וואָס זשע וואָלטען זיי געמאָרדעט?

— מאַוגלי, געה שלאָפען. האָסט געלעבט צווישען מענשען, און—

— איך געדענק. מענשען מאָרדען נישט געהענדיג אויף יאַגד—סתם אַזוי, פון לײדיגגעהן און פאַר וואַילטאָג. ערוואַך, באַגירא! צו וואָס איז אָט די זאַך געמאַכט?

באַגירא האָט באַלד געעפענט די אויגען—ער איז געווען זעהר שלעפעריג—מיט אַ בייזען פינטעל:

— מענשען האָבען עס געמאַכט צו האַקען דערמיט האַטהי׳ס זיהן אין די קעפּ אַריין, אַז בלוט זאָל געהן. דאָס האָב איך פיעל מאָל געזעהען אויף די גאַסען פון אודיפּאָר נעבען אונזערע שטײגען. די צאַצקע האָט פערזוכט די בלוט פון אַ סך אַזעלכע האַטהים.

— אָבער צו וואָס האַקען זיי די העלפאַנדען אין די קעפּ?

— כדי זיי אויסצולעהרנען דאָס מענשענגעזעץ. נישט האָבענדיג קײן נעגעל, נישט קײן צײהן, מאַכען די מענשען אָט די זאכען—און נאָך ערגערע.

— אַלץ בלוט און בלוט. ווען איך דערנעהטער זיך אַפילו צו די זאַכען, וואָס מענשען מאַכען!—האָט מאַוגלי מיט עקעל געזאָגט. ער איז געווען אַ ביסעל מיעד פון דער שווערקייט פונ׳ם אַנקוס.—איך זאָל געווען וויסען, וואָלט איך עס נישט גענומען. פריהער מעסוּאַ׳ם בלוט אויף די שטריק און איצט—האַטהי׳ס. איך דאַרף עס נישט, אַז אַזוי. זעה!

דער אַנקוס איז פינקלענדיג אַוועקגעפלויגען און זיך אַײנגעגראָבען אין דער ערד צווישען די בוימער, מיט פופציג יאַרד ווייטער.

— איצט זענען מײַנע הענד ריין פונ׳ם טויט,—האָט מאַוגלי געזאָגט און אָבגעריבען די הענד אָן דער פרישער, פייכטער ערד.—די טהואו האָט געזאָגט, דער טויט וועט מיר נאָכגעהן. זי איז אַלט, און וויים, און משוגע.

— ווײַס אָדער שוואַרץ, לעבען אָדער טויט—איך געה שלאָפען, קלײן ברודערל. איך קאָן נישט זײַן אויף אַ גאַנצע נאַכט און נאַכדעם פילדערן דעם גאַנצען טאָג, ווי עמיצער אַנדערש טוט.

אַגיראַ איז אַוועק אין אַ בעקאַנטער הייהל מיט צוויי מייל ווייטער. מאוגלי איז לייכט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים, האָט צונויפגעבונדען עטליכע ליאַנעס צוזאַמען, און גיכער, ווי מיר האָבען עס דער־צעהלט, האָט ער זיך שוין געוויגט אין אַ מין האַמאַק פופציג פוס איבער דער ערד. הגם די שיין פון טאָג איז איהם נישט געווען דערווידער, פלעגט ער פונדעסטוועגען יך האַלטען אָן די געוועהנהייטען פון זיינע פריינד און זיך בענוצען מיט'ן טאָגליכט וואָס ווייניגער.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער סאַמע מיט פון די רוישיגע שטאַמען, וואָס וואוינען אויף די בוימער, איז שוין ווידער געווען טונקעל. אין חלום האָט ער געזעהן די שענע שטיינדלעך, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפען.

— מ'דאַרף כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק טון דערויף,—האָט ער געזאָגט און זיך אַראָבגעגליטשט איבער אַ ליאַנע צו דער ערד.

נאָר באַגיראַ האָט זיך מקדים געווען. מאַוגלי האָט דערהערט, ווי יענער שמעקט און שנאָרכט אין דער האַלב־פינסטערניש.

— וואו איז די שפּיציגע צאַצקע?—האָט מאוגלי אויסגערופען.

— אַ מענש האָט זי צוגענומען. אָט איז זיין שפּור.

— איצט וועלען מיר זעהן, אויב די טהואו האָט געזאָגט ריכטיג. אויב די צאַצקע איז דער טויט, וועט דער מענש שטאַרבען. לאָמיר איהם נאָכגעהן.

— פריהער געהען מיר אויף יאַגד,—האָט באַגיראַ געזאָגט.— אַז דער מאָגען איז ליידיג, איז די אויג נאָכלעסיג. מענשען בעווע־

גען זיך זעהר פּאַוואָליע. און דער דזשאָנגל איז געגוג פּייכט און וועט נאָך לאַנג אויפהאַלטען דעם מינדסטען צייכען.

זיי האָבען עס געמאַכט אַזוי געשווינד, ווי זיי האָבען געקאָנט. נאָר ביז זיי האָבען אָבגעגעסען, אָבגעטרונקען און זיך געלאָזען אין וועג אַריין, איז אַוועק אַ שעה דריי. די איינוואוינער פון דזשאָנגל ווייסען, אַז מ'דאַרף זיך אונטער קיינע אומשטאַנדען נישט איילען ביים עסען.

— ווי קלערסטו, די שפּיציגע צאַצקע וועט זיך אומדרעהען ביים מענשען אין האַנד אין וועט איהם טויטען? — האָט מאַוגלי גע-פרעגט. — די טהוואו האָט געזאָגט, ס'איז דער טויט.

— מיר'ן שוין זעהן, אז מיר'ן זי געפינען, — האָט באַגירא געענטפערט, האַלטענדיג דעם קאָפּ ביי דער ערד. — דער פוס אין איינער (ער האָט געמיינט צו זאָגען: דער מענש איז איינער). די שווערקייט פון דער צאַצקע האָט איינגעדריקט זיין טראָט טיעף אין גרונט.

— איי! די שפּור איז אַזוי קלאָר, ווי אַ בליץ אום זומער! — האָט מאַוגלי געזאָגט.

און זיי זענען אַוועק מיט'ן פלינקען פּיטש-פּאַטש-טראָט, ווי מ'געהט געוועהנליך אויף אַ שפּור, אַריין און אַרויס דורך די פלעקען פון לבנה-שיין, נאָך די צוויי באָרוויסע טריט.

— דאָ איז ער געלאָפען גיך, — האָט מאַוגלי געזאָגט: — די פינגער זענען צעשפּרייט.

האָבען געמאַכט עטליכע שפּאַן איבער'ן נאַסען באָדען.

און פאַרוואָס האָט ער זיך דאָ גענומען אָן אַ זייט?

— וואַרט! — האָט באַגירא געענטפערט און געמאַכט אַ הערליכען שפּרונג פאָראויס, אַזוי ווייט ווי ער האָט נאָר געקאָנט.

אַז אַ שפּור ווערט אונפערשטענדליך, דאַרף מען קודם כל זיך אַריבערוואַרפען איבער אַ געוויסער שטרעקע, כּדי נישט צו פער-פּלאָנטערן זי מיט די אייגענע טריט.

אַראָבגעלאָזען זיך נאָכ'ן שפּרונג צו דער ערד, האָט באַגירא אומגעווענדט דעם פּנים צו מאַוגלי מיט'ן אויסרוף:

— דאָ קומט אַנ'אַנדער שפּור אַנטקעגען. דער צווייטער פוס איז קלענער, און די פינגער זענען פערקרימט אַריין-צו.

מאַגלי איז צוגעלאָפען און האָט בעקוקט.

— דאָס איז דער פוס פון אַ גאַנדישען יעגער. — האָט ער בעמערקט.—זעה: אָט דאָ האָט ער געשלעפט זיין בויגען איבער דער ערד. דערפאַר האָט עס דער ערשטער טריט זיך גענומען אזוי שאַרף אָן אַ זייט. גרויספוס האָט זיך בעהאַלטען פאַר׳ן קליינפוס.

— ריכטיג, האָט באַגיראַ נעזאָגט.—הער זיך איין, כדי מיר זאָלען נישט פערפלאָנטערן די שפורען מיט אונזערע טריט, נעהם דו איין שפור און איך וועל נעהמען די צווייטע. איך בין גרויספוס, קליין ברודערל, און דו ביזט קליינפוס—דער גאַנד.

באַגיראַ איז אַוועקגעשפרונגען צו דער ערשטער שפור, און מאַוגלי האָט זיך אָנגעבויגען איבער׳ן מאָדנעם אַריינגעבויגענעם טריט פונ׳ם ווילדען וואַלדמענשיל.

— נו,—האָט באַגיראַ געזאָגט, געהענדיג טריט ביי טריט,—איך, גרויספוס, פערקעהרעווע זיך אָט דאָ. איצט בעהאַלט איך זיך הינטער אַ פעלז און שטעה שטיל, נישט דערוועגענדיג זיך אַריהר צו טון מיט אַ פוס. שריי־אויס, וואָס איז מיט דיין שפור, קליין ברודערל.

— איצט קום איך, קליינפוס, צום פעלז,—האָט מאַוגלי אין לויף געענטפערט.—איצט זעץ איך זיך אַוועק אונטער׳ן פעלז, אָנגעלעהנט אויף מיין רעכטער האַנד, דעם בויגען צווישען די פיס. איך וואַרט לאַנג, דען דער אָבדרוק פון מיין פוס איז דאָ טיעף.

— איך אויך,—האָט באַגיראַ פון הינטער׳ן פעלז געזאָגט.—איך וואַרט אויך און שפאַר־אָן די שפיציגע זאַך אָן אַ שטיין. זי טוט זיך אַ גליטש —פאַרהאַן אַ קריץ אויפ׳ן שטיין. רוף־אויס וועגען דיין שפור, קליין ברודערל.

— איין... צוויי קליינע צווייגען און איין גרויסע זענען דאָ אָבגעבראָכען. ווי זאָל איך דאָס אויסרופען?—האָט מאַוגלי צו זיך געזאָגט.—אַהאַ! ס׳איז גאַנץ פשוט. איך, קליינפוס, געה אַוועק, און דערביי רויש איך און טופע מיט די פיס. גרויספוס זאָל הערען.—ער האָט אַוועקגעשפאַנט פון פעלז אַלץ ווייטער צווישען די בוימער, רופענדיג העכער, און העכער, בעת ער האָט זיך דערנעהטנערט צו אַ קליינעם וואַסערפאַל.—

— איך... געה... אַוועק... ווייט... אַהין... וואו... דער... געדויש... פון... וואַסערפאַל... פערהילכט... מיינע... טריט. דאָ... וואַרט... איך. רוף־אויס דיין שפור, גרויספוס, באַגיראַ!

דער פאַנטער האָט זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען, צו זעהן, ווי אזוי דער אָבדרוק פון גרויסען פוס פיהרט פון הינטער'ן פעלז. דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— איך קום אַרויס פון הינטער'ן פעלז אויף די קניה, שלעפענדיג די שפיציגע זאַך. איך זעה קיינעם נישט און נעהם לויפען. איך, גרויספוס, לויף געשווינד. די שפּיר איז דייטליך. זאָל יעדער פון אונז געהן אויף זיינער. איך לויף!

באַגיראַ איז אַוועקגעלאָפען, און מאַוגלי איז נאָכגעגאַנגען די טריט פונ'ם גאָנד. אַ שטיקעל צייט האָט אַ שטילשווייגעניש געהערשט אין דזשאָנגל.

— וואו ביזטו, קליינפוס? — האָט באַגיראַ אויסגעשריען.

מאַוגלי'ס שטים האָט איהם געענטפערט פון רעכטס, קוים פופציג יאַרד אַוועק.

— הם! — האָט דער פאַנטער געזאָגט מיט אַ פערדומפּענעם ברום. —ביידע לויפען זייט ביי זייט און קומען אַלץ נעהנטער איינער צום צווייטען.

זיי זענען אָבגעלאָפען נאָך אַ האַלב מייל, אויף דערזעלבער שטרעקע איינער פון אַנדערן, נאָר פּלוצים האָט מאַוגלי אויסגעשריען:

— זיי האָבען זיך בעגעגענט. גוט־יאַגד! זעה: דאָ איז געשטאַנען קליינפוס מיט איין קניה אויף אַ שטיין — און אָנדאָרטען איז גרויספוס.

מיט קנאַפּע צעהן יאַרד ווייטער, אויף אַ הויפען צעבראָכענע שטיינער, איז געלעגען דער קערפּער פון אַ דאָרפסמאַן פון יענער געגענד, דורכגעשטאָכען פון ברוסט צום רוקען פון אַ דינער גאָנדישער פייל מיט אַ פעדער אויפ'ן הענטיל.

— נו, איז די טהואו טאַקע אַזוי אַלט און משוגע, קליין ברודערל? — האָט באַגיראַ שטיל געזאָגט. — איין טויט איז שוין דערזוייל פאַראַן.

— קוּם ווייטער. אָבער וואו איז דער טרינקער פון העלפאַנד־בלוט—דער דאָרן מיט׳ן רויטען אויג?

— קליינפוס האלט עס... אפשר. איצט זעהט מען ווידער נאָר איין פוס.

די שפור פון אַ לייכטען מענשען, וואָס איז געשווינד געלאָפען מיט אַ משא אויף זיין לינקען אַקסעל, האָט זיך געצווינגען איבער׳ן פערטריקענטען גראָז, וואו יעדער טריט איז געשטאַנען אַזוי דייטליך, אַז פאַר די שאַרפע אויגען פון די נאָכשפירער האט ער ערשיינט, ווי געשטעמפעלט אין געגליהטען אַייזען.

— קיינער פון זיי האָט נישט געעפענט קיין מויל, ביז די שפור האָט זיי געבראַכט צום הויפען אש פון אַ פערלאָשענעם לאַגער־פייער, פערבאָרגען אין אַ שמאָלען הייהלוועג.

— ווידער־אַמאָל! — האָט באַגירא געזאָגט און זיך פלוצים אָבגעשטעלט ווי פערשטיינערט.

דער גוף פון אַ קליינעם מאָגערן גאָנד איז געלעגען מיט די פיס אין אַש, באַגירא האָט פרעגענדיג אַ קוק געטאָן אויף מאַוגלי׳ן.

— דאָס האָט מען געטאָן מיט אַ באַמבוס־שטעקען, — האָט דער יונגעל געזאָגט, וואַרפענדיג איין בליק אויפ׳ן טויטען. — איך פלעג זיך בענוצען מיט אַזאַ זאַך קעגען די בופלען, אין דער צייט וואָס איך האָב געדיענט ביי דער מענשענשאַרע. דער פּ אָ ט ע ר פ ו ן ד י ק אָ ב ר ע׳ ם — איך בעדויער, וואָס איך האָב פון איהם אָבגעלאַכט—קען דעם מין גוט, און איך וואָלט איהם אויך געמוזט קענען, האָב איך דען נישט נעזאָגט, אַז מענשען מאָרדען פון ליידיג געהן?

— ניין, זיי האָבען איהם געטויט צוליעב די רויטע און בלויע שטיינער,—האָט באַגירא געענטפערט.—פערגעס נישט, אַז איך בין געוועזען אין דעם קעניגס שטייגען אין אודיפאָר.

— איינע, צוויי, דריי, פיער שפורען, — האָט מאַוגלי געזאָגט, אָנבויגענדיג זיך איבער׳ן אַש. — פיער שפורען פון מענשען מיט בעשוכטע פיס. זיי געהען נישט אַזוי געשווינד ווי גאָנדען. נו, וואָס פאַר אַ בייז, אַ שטייגער, האָט זיי דער קליינער וואַלדמענש געטאָן? זעה: זיי האָבען געשמועסט צווישען זיך, אַלע פינף, איידער זיי האָבען איהם ערמאָרדעט. לאָמיר געהן צוריק, באַגירא. מיין מאָגען

איז שווער אין מיר, און אין דערזעלבער צייט טאַנצט ער אַרויף און אַראָב, ווי אַ שוואַלבען-נעסט אויפ׳ן שפּיץ פון אַ צווייג.

— לאָזען אַ שפּור אין מיטען — דאָס איז קיין יאַגד נישט. קום ווייטער! — האָט באַגיראַ געזאָגט. — יענע אַכט בעשׂוכטע פיס זענען נאָך ווייט נישט פערגאַנגען.

זיי האָבען געשוויגען אַ גאַנצע שעה, געהענדיג מיט דער ברייטער שפּור פון פיער מענשען אין שׂיקך.

ס׳איז געווען אַ לויטערער, הייסער טאָג.

— איך שפיר רויך, — האָט באַגיראַ געזאָגט.

— מענשען זענען שטענדיג גייציגער צום עסען, איידער צום לויפען, — האָט מאַוגלי געענטפערט, שפּאַנענדיג צווישען די ריטער-ביימלעך פון יונגען דזשאָנגל, וועלכען זיי האָבען איצט געפאָרשט. באַגיראַ, געהענדיג אויף זיין לינקער זייט, האָט אַרויסגעלאָזען עפּיס אַן אונבעשרייבליכען קלאַנג פון האַלז.

— אָט איז איינער אַזוינער, וואָס איז שוין אויף שטענדיג פאַרטיג מיט׳ן עסען, — האָט ער געזאָגט.

עפּיס אַ פּעקיל גרויע קליידער איז געלעגען אונטער אַ בוים, און אַרום איז געווען פערשאָטען אַ ביסעל מעהל.

— און ווידער מיט אַ באַמבוס-שטעקען, — האָט מאַוגלי דערקלערט. — זעהסט? — אָט יענעם ווייסען שטויב געברויכען די מענשען צום עסען. זיי האָבען צוגענומען ביי איהם דעם רויב — ער האָט זיי געטראָגען עסען — און האָבען איהם אַוועקגעגעבען אַלס רויב צו טשיל דעם גייער.

— דאָס איז דער דריטער, — האָט באַגיראַ געזאָגט.

— דעם פּ אָ ט ע ר פ ו ן ד י ק אָ ב ר ע׳ ס וועל איך פּעט מאַכען מיט פרישע, גרויסע פרעש, האָט מאַוגלי צו זיך געזאָגט. — אָט דער טרינקער פון העלפאַנד-בלוט איז זיכער דער טויט אַליין — פונדעסטוועגען פערשטעה איך נישט!

— ווייטער! — האָט באַגיראַ געזאָגט.

זיי האָבען נאָך קיין האַלב מייל נישט געמאַכט ווען, זיי האָבען דערהערט, ווי ק אָ, דער ראָב, זינגט אַ טרויער-ליעד אויפ׳ן שפּיץ פון אַ טאַמאַריסק *), וואָס אונטער זיין שאָטען זענען געלעגען

*) אַ סאָרט בוים.

דריי מענשען. אַ האַלבּ־פערלאָשענער פייער האָט זיך נאָך גערויכערט אונטער אַנ׳אייזערנעם פענדיל. און דערויף האָט זיך געסמאַלעט אַ פלעציל פון אונגעזייערטען טייג. האַרט בּיי׳ם פייער, בּלישצענדיג אַנטקעגען דער זון, איז געלעגען דער מיט רובּינען און טערקיסען בּעצירטער אַנקוס.

— די צאַצקע ווירקט גיך; דער עסק איז צו ענד, — האָט בּאַגיראַ געזאָגט. — ווי אַזוי זענען די לייט געשטאָרבּען, מאַוגלי? אויף קיינעם פון זיי איז אַפילו קיין קראַץ נישט צו מערקען.

אַנ׳איינוואוינער פון דזשאָנגל איז פון דער פּראַקטיק געניט אין אַלערליי גיפטיגע פלאַנצען און יאַגדעס, נישט ערגעד פין אַ סך דאָקטוירים. מאוגלי האָט אַ שמעק געטאָן דעם רויך פונ׳ם פייער, האָט אָבּגעבּראָכען אַ שטיקעל פונ׳ם פערבּרענטען פלעצעל. האָט עם פערזוכט און צוריק אַרויסגעשפּיגען.

— דער עפּעל פון טויט, — האָט ער אַרויסגעהוסט. — דער ערשטער האָט עם געמוזט אָנגרייטען פאַר די דאָ, וואָס האָבּען איהם ערמאָרדעט, נאָכדעם ווי זיי זענען פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן גאָנד.

„עפּעל פון טויט“ רופט מען אין דזשאָנגל דעם שטעכער־עפּעל אָדער דאָרען־עפּעל, וואָס ווירקט גיכער פון אַלע גיפטען אין אינדיען.

— אָט דאָס הייסט אַ גוטע יאַגד! די מאָרדען קומען אין איין אָטעם, — האָט בּאַגיראַ געזאָגט. — נו, וואָס געהט ווייטער? אפשר וועלען מיר בּיידע הרג׳ען איינער דעם צווייטען צוליעבּ יענעם רויט־אויגיגען רוצח?

— קאָן עם רעדען? — האָט מאַוגלי שטיל געפרענט. — אפשר האָבּ איך דעם געטאָן אַנ׳עולה, וואָס איך האָבּ עם אַוועקגעוואָרפען? צווישען אונז בּיידען וועט עם קיין צרות נישט אָנמאַכען, ווייל מיר בּעגעהרען נישט, וואָס מענשען בּעגעהרען. לאָזען עם דאָ — וועט עם זיכער ווייטער טויטען איין מענשען נאָכ׳ן צווייטען אַזוי געשווינד, ווי ניס פאַלען פון בּוים אין אַ שטאַרקען ווינט. איך שפּיר נישט קיין ליעבּשאַפט צו מענשען, נאָר אַז זעקס זייערע זאָלען אויסשטאַרבּען אין איין נאַכט — וואָלט אַפילו איך נישט וועלען.

-- איז וואָס פאַר אַנ׳אומגליק? ס׳איז דאָך נישט מעהר ווי

מענשען. זיי האָבען אַוועקגעהרגעט איינער דעם אַנדערן און זענען העכסט צופרידען. אָט דער ערשטער וואַלדמענשיל האָט גוט געפיהרט זיין יאַגד.

— און דאָך זענען זיי נישט מעהר ווי קינדער; אַ קינד איז קאַפּאַוועל צו דערטרינקען זיך, אַבי אַ בּיס צו טון די שיין פון דער לבנה אויפ׳ן וואַסער. שולדיג בין איך,—האָט מאַוגלי געענטפערט, מיינענדיג, אַז ער ווייס אַלצדינג. — מעהר וועל איך קיינמאָל נישט בּרענגען אין דזשאָנגל אַריין קיין אונגעוועהנליכע זאַכען — מעגען זיי זיין אַזוי שען ווי בּלומען. אָט דאָס־אָ — ער האָט אָנגענומען דעם אַנקוס מיט דרך־ארץ — געהט צוריק צום פאָטער פון די קאָבּרעס. נאָר פריהער דאַרפען מיר זיך דורכשלאָפען, און שלאָפען נעבען אָט די שלאָפענדיגע טויג נישט. און דאָס דאַרף מען דערווייל בּעהאַלטען, אַנישט קאָן עס אַוועקלויפען און הרג׳ען נאָך אַ זעקס שטיק. גראָב מיר אויס אַ גרוב אונטער יענעם בּוים.

— איך זאָג דיר אָבּער, קליין בּרודערל,—האָט בּאַגירא געזאָגט, געהענדיג צום בּוים, אַז דער דאָזיגער בּלוטצאַפּער זיז נישט שולדיג. שולדיג זענען די מענשען.

— אַלץ איינס. גראָב טיעף. אַז מיר׳ן אויפשטעהן, וועל איך איהם אָבּטראָגען אַהין, וואו איך האָב איהם גענומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט צוויי נעכט שפּעטער, בּשעת די ווייסע קאָבּרע איז טרויעריג געזעסען אין פינסטערן קעלער, פערשעמט, בּערויבּט און עלענד, איז דער אַנקוס דורכגעפלויגען דורך דער לאָך אין דער וואַנט און אַראָבּגעפאַלען מיט אַ קלאַפּ אויף די מיט גאָלדענע מטבעות געפלאַסטערטע ערד.

— פאָטער פון די קאָבּרעס,—האָט מאַוגלי געזאָגט (ער האָט זיך פאָרזיכטיג געהאַלטען אויף יענער־זייט וואַנט)—נעהם דיר צו עפּיס אַ יונגען געשיקטען חברה־מאַן פון דיין אייגענעם שטאַם, און זאָל ער דיר העלפען היטען דעם קעניגס אוצר, אַזוי אַז קיין איינציגער מענש זאָל מעהר קיינמאָל פון דאַנען לעבּעדיג נישט אַרויס.

— אַ—האַ! ער איז דאָ, הייסט עס. צוריק! איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז דער טויט. ווי קומט עס, וואָס דו בּיזט לעבּען גע=

בליבען?—האָט די ווייסע קאָברע אַרויסגעמ:רמעלט און האָט זיך מיט ליעבשאַפט אַרומגעוויקעלט אַרום הענטיל פון אַנקוּם.

— ביים אָקס, וואָס האָט מיך אויסגעלייזט—איך ווייס אַליין נישט! דער חפץ האָט אָוועקגע׳הרג׳עט זעקס אין איין נאַכט. לאָז איהם מעהר קיינמאָל נישט אַרוים פון דאַנען.

פּויק שול